**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון 'היי ליין-מאַניהען קאנעקטאר' אין מאנהעטן'ס וועסט סייד**

***600-פיס-לאנגע הויכע וועג פאר פיסגייער לייגט צו נייע 'וואודלענד' און 'טימבער' בריקן, פארבינדט צוזאמען נייע עפנטליכע ערטער און פובליק טראנספארטאציע ארום די מאַניהען טרעין האָל***

***לעצטע צוגאב צו די היי ליין עפנט זיך פאר די פובליקום מארגן, יוני 22***

***בילדער זענען פארעפנטליכט דא; פארשנעלערטע ווידעאו פון די בריק קאנסטרוקציע פארעפנטליכט דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון די נייע 'היי ליין - מאַניהען קאנעקטאר' – א הערליכע נייע הויכע וועג פאר פיסגייער אין די הארץ פון מאנהעטן – צוזאמען מיט די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי, Brookfield Properties און Friends of the High Line. די 'קאנעקטאר' פארבינדט צוזאמען נייע עפנטליכע ערטער און פובליק טראנספארטאציע ארום די מאַניהען טרעין האָל צו די היי ליין, גיבנדיג פאר פיסגייער אן אומגעשטערטע, צוגענגליכע און זיכערע וועג פאר די גאנצע וועג פון וועסט מידטאַון ביז די וועסט ווילעדזש. עס עפנט זיך אפיציעל פאר די פובליקום מארגן, יוני 22.

"די היי ליין איז אן אויסגעצייכנטעביישפיל פון א ווירקזאמע שותפות צווישן פריוואטע קערפערשאפטן און רעגירונג, און די לעצטע צוגאב וועט באַרייכערן די אטראקציע פאר ניו יארקער און באזיכער צוגלייך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק די מיטלען פון די סטעיט און די באמיאונגען פון Friends of the High Line און פון Brookfield צוזאמען — וועט די היי ליין - מאַניהען קאנעקטאר צולייגן 600 פיס פון אפענע שטח צו טראנספארמירן איינס פון ניו יארק סיטי'ס מערסט פארנומענע געגנטער. דער פראיעקט זאגט עדות איבער די כוח פון קלוגע און שטאנדהאפטיגע דעזיין, באַרייכערנדיג איינס פון די באליבסטע חלקים פון די סיטי, און איך מוטיג ניו יארקער און באזיכער צו אויסנוצן די הערליכע נייע פלאץ."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Friends of the High Line, עלען וואן קאפעל, האט געזאגט,** "דאס איז א פראיעקט וואס פארבינדט צוזאם געגנטער און עפנטליכע פלעצער. פאר יארן האבן מיר געהערט ווי נישט פריינטליך די געסער ארום די לינקאלן טונעל האבן געפילט פאר מענטשן אין די קאמיוניטי. יעצט וועט די קאנעקטאר גיבן פאר אונזערע שכנים א זיכערע, גרינע און אינספירירנדע וועג צווישן די היי ליין און מידטאון. מיר זענען אזוי דאנקבאר פאר אונזערע שותפים אין די סטעיט רעגירונג, Brookfield Properties און די NYC דעפארטמענט פון פארקס און פארוויילונג, פארן אונז העלפן פארווירקליכן דעם חזון."

**בען בראון, א מענעדזשינג שותף אין Brookfield Real Estate, האט געזאגט**, "די הײ לײן - מאָיניהען קאנעקטאר איז גרויסארטיגע טראנספארטאציע פארשריט פאר ניו יארק סיטי און א קריטישע ערריײכונג אין די אנטוויקלונג פון מאנהעטן'ס נייעסטע געגנט. עס טוט נישט נאר מאכן בריקן צווישן קאמיוניטיס, נאר עס פארבינדט און פארברייטערט אויך טייל פון ניו יארק'ס מערסט באגייסטערנדע עפנטליכע שטחים אין די הײ לײן און מאנהעטן וועסט פלאזא. עס קומט זיך פאר גאווערנער האקול און פאר ESD גאר גרויסע הכרת הטוב פארן דאס מאכן געשעהן, און מיר באדאנקען די Friends of the High Line און אונזערע דעזיין און קאנסטרוקציע שותפים פאר זייערע קריטישע ראלעס."

די דעזיין פאר די 600-פיס-לאנגע הײ לײן - מאָיניהען קאנעקטאר אין די צורה פון די אות "L" האט זיך אנגעהויבן אין פעברואר 2021, און דער פראיעקט האט אנגעהויבן ארבעט אום פעברואר 2022, פארענדיגנדיג קאנסטרוקציע אין בלויז 18 חודשים. די קאנעקטאר האט צוויי אנדערע חלקים: איין 340-פיסיגע 'וואודלענד בריק' פול מיט פלאנצונגען וואס לויפט העכער West 30th Street פון די הײ לײן'ס עק ביי די Spur, און א 260-פיסיגע, איין-בלאק-לאנגע 'טימבער בריק', געבויט פון געלע צעדער בוים פון אלאסקע וואס איז אפגעשניטן געווארן אויף אן ענווייראמענט-פריינטליכן פארנעם, און עס לויפט העכער Dyer Avenue צו די דערנעבנדע Magnolia Court פיסגייער פלאזא ביי מאנהעטן וועסט. דער פראיעקט האט אויך אריינרעכנענדיג באדייטנדע זיכערהייט פארשטערקערונגען אונטן אויף די גאס, אריינרעכנענדיג נייע פיסגייער סיגנאלן, באלייכטונג קראסוואלקס, 'אינזלען' אינמיטן די גאס און גרויסע פלאנצונגען.

די קאנעקטאר איז די רעזולטאט פון א 50 מיליאן דאלארדיגע שותפות מיט די רעגירונג אויסגעהאקט אין 2021 צווישן Friends of the High Line, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ( Empire State Development, ESD) און Brookfield Properties, לויפנדיג העכער פראפערטי אין די אייגנטום פון די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי. אלץ טייל פון די דריי-פארטייען שותפות האט די ESD בייגעשטייערט 20 מיליאן דאלאר, Brookfield האט בייגעשטייערט 20 מיליאן דאלאר און Friends of the High Line האט בייגעשטייערט 10 מיליאן דאלאר פאר דעם פראיעקט. די שעפערישע דעזיין פאר דעם פראיעקט איז א צוזאמענארבעט צווישן Skidmore, Owings & Merrill (SOM) און James Corner Field Operations. די קאנעקטאר איז אין די אייגנטום פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, און עס וועט אפערירט און אויפגעהאלטן ווערן דורך די Friends of the High Line, און די סטרוקטורישע אויפהאלטונג אויפזיכט וועט געטוהן ווערן דורך AECOM.

די 1.5-מייל-גרויסע הײ לײן איז אן עפנטליכע פארק וואס אפערירט אונטער א לייסענס אפמאך און מיט א שותפות פון די NYC דעפארטמענט פון פארקס און פארוויילונג וואס האט ערמעגליכט די פארק.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט**, "די הײ לײן - מאָיניהען קאנעקטאר ווייזט ארויס די פאזיטיווע פארשריט וואס קען עררייכט ווערן ווען די פובליק, פריוואטע און נאָן-פראפיט סעקטארן זוכן צו מאכן פראדוקטיווע שותפות'ן. פראיעקטן וועלכע פארבעסערן עפנטליכע שטחים זענען אן אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס צוקונפט, און א דאנק גאווערנער האקול'ס שטיצע, וועט די הײ לײן - מאָיניהען קאנעקטאר נישט נאר בענעפיטירן די וועלכע דארפן אנקומען צום ארבעט, איינוואוינער און באזיכער, נאר עס וועט אויך אויפטרייבן ווייטערע עקאנאמישע אנטוויקלונג אין מאנהעטן'ס מערב זייט."

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ריק קאטאן, האט געזאגט**, "דורכן אויפבויען נייע אפענע שטחים בשעת'ן פארבינדן די ארומיגע קאמיוניטי מיט פובליק טראנספארטאציע, דינט די הײ לײן - מאָיניהען קאנעקטאר אלץ א שיינענדע ביישפיל פון וואס עס קען אלץ עררייכט ווערן דורך א שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן. די פארט אויטאריטעט איז שטאלץ צו ארבעטן בשותפות

מיט די סטעיט, Friends of the High Line און Brookfield Properties ביים מאכן דעם באגייסטערנדן פראיעקט פאר א מציאות."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "פאר איבער צוואנציג יאר, האב איך געשטופט פאר די עקאנאמישע אויפלעבונג פון די וועסט סייד אין מאנהעטן דורך באדייטנדע אינוועסטירונגען אין טראנספארטאציע, עפנטליכע פלעצער און אנדערע איינריכטונגען פאר ניו יארקער. עס דערפרייט מיך אזוי שטארק אז צווי וויכטיגע באשטאנדטיילן פון די וועסט סייד'ס מהפכה – די היי ליין און די מאָיניהען באן סטאנציע – זענען יעצט פארבינדן איינס מיט די אנדערע אלץ טייל פון ניו יארק'ס ערשט-קלאסיגע טראנספארטאציע נעטווארק וואס רוקט ארום מיליאנען ניו יארקער דורכן באן און צופיס יעדן איינציגסטן טאג. דאס איז קלוגע און פאראויס-קוקנדע שטאטישע פלאנירונג אויפן בעסטן פארנעם, און איך וויל אויסלויבן אלע אונזערע רעגירונג און פריוואטע שותפים וועלכע האבן אונז ערמעגליכט צו אנקומען צו די עררייכונג."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "עס איז קריטיש אז פיסגייער זאלן האבן גרינגע און זיכערע צוטריט צו פובליק טראנספארטאציע ווען זיי שניידן דורך די הארץ פון מאנהעטן. די עפענונג פון די קאנעקטאר וועט העלפן צאללאזע פיסגייער צו אריבערגיין מאנהעטן זיכערערהייט, און עס וועט ערמעגליכן גרינגע צוטריט צווישן עפנטליכע פלעצער און פובליק טראנספארטאציע. איך בין שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארברייטערן פיסגייער צוטריט און צו פארשטערקערן די זיכערהייט פון פיסגייער פאר ניו יארקער און באזיכער צוגלייך."

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נעדלער האט געזאגט,** "די היינטיגע עפענונג פון די היי ליין - מאָיניהען קאנעקטאר איז א טראנספארמאטיווע צוגאב צו די וועסט סייד, גיבנדיג פאר פיסגייער א זיכערע, דירעקטע אלטערנאטיוו צו די פארנומענע געסער אונטן. איך האב געקעמפט פאר די היי ליין זינט עס איז אנגעהויבן געווארן, און די נייע פארבינדונג וועט פארזיכערן אז די פארק פארבלייבט א הויפט אטראקציע פאר ניו יארקער און באזיכער צוגלייך."

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגאל האט געזאגט,** "פארבינדן די מאָיניהען טרעין האָל און די היי ליין, צוויי סימבאלן פון מאדערנע שטאטישע דעזיין און שטאנדהאפטיגקייט אין די וועסט סייד, וועט פארשטערקערן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין מיין דיסטריקט, און עס וועט העלפן פארשטערקערן עפנטליכע שטחים און פובליק טראנספארטאציע פאר די סיטי. איך באדאנק אונזערע פריינט פון די היי ליין, Brookfield Properties, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און גאווערנער האקול פארן ברענגען דעם פראיעקט צום ענדע. דער פראיעקט איז די רעזולטאט פון אן ערפאלגרייכע שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן, און עס וועט ערמעגליכן א גרינערע, מער שטאנדהאפטיגע און מער הערליכע ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגליד טאָני סימאָן האט געזאגט,** "די צוקונפט פון וואוקס אין מאנהעטן איז אין די וועסט סייד, און מיר דארפן זיכער מאכן אז אינפראסטרוקטור יאגט נאך די פארלאנג. די היי ליין - מאָיניהען קאנעקטאר וועט ברענגען א נייע פארבינדונג פאר פיסגייער וואס וועט נישט נאר פארבעסערן די עפנטליכע שטח, נאר עס וועט אויך באשאפן נייע פארבינדונגען פאר פיסגייער וועלכע רוקן זיך אריבער די געגנט."

**מאנהעטן באראו פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** "מאכן א בריק צווישן איינס פון די היסטאריע'ס מערסטע שעפערישע פארקס און די לאנד'ס פארנומענסטע טראנספארטאציע צענטער איז א סימן פון אונזער סיטי'ס איבערגעגעבנקייט צו פארבינדן די בעסטע חלקים פון ניו יארק. די אינוועסטירונג אין אפענע שטחים איז טראנספארמאטיוו פאר דאס וואס איז פון לאנג געווען איינס פון די

וויניגסטע פריינטליכע פלעצער פאר פיסגייער אין מאנהעטן. די קאנעקטאר הויבט אן א נייע עפאכע פון צוטריט צו די ווייטע וועסט סייד."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן